(ניגנו הניגון, והפסיק באמצע ואמר): א נברא איז א מוגבל, וואס אפילו דער נפש פון א נברא ווי ער איז אין גוף איז אויך מוגבל אין די הגבלות הגוף, דערפאר שטייט אין אגה"ק(כז) אז נאך די הסתלקות איז אראפ די הגבלות הגוף, און ער געפינט זיך איצטער אומעטום, און מצד אים איז ניטא קיינע הגבלות אין דער השפעה.

מצד הכלים אבער איז מען דאך מוגדר, איז פאראן א עצה צו מבטל זיין די הגבלת הכלי, דורך מאכן א נקב כמלא דמון, אבער דאס איז ניט קיין גוטע עצה, ווארום יעמאלט איז דאס ניט קיין כלי לקבלה, אלץ וואס מ'גיסט אין איר אריין גיסט זיך אויס, ס'איז פאראן אבער נאך א עצה ניט צוברעכין די כלי, נאר די כלי ווי זי איז א גאנצע, חוקק זיין איר אין קרקע, צי חקקו ולבסוף קבעו, וואס דאס העלפט ניט נאך אלע דיעות אדער קבעו ולבסוף חקקו וואס דאס זיינען אלע מודה אז ס'איז גוט. (חסר הענין דכשפופרת הנוד וגם ביאור ענין נקב כמלא דמון).

דער ענין אין רוחניות איז: יעדער טאג איז דאך חדשים לבקרים רבה אמונתך, אז מ'שטייט אויף אין דער פרי און מ'ווערט א ברי' חדשה דארף מען די ערשטע זאך זאגן מודה אני, נאך פאר נט"י, ד.ה. אז מ'דארף זיך איינגאנצן אוועק לייגן און זאגן מודה אני, איבער געבן זיך, וואס דאס איז דער קבעו בקרקע, וואס יעמאלט איז ניטא קיין הגבלות מצד הכלי, מקבל זיין די ברכה בלי גבול.

עס שטייט אז מלך פורץ גדר, א מלך קען צוברעכן אלע הגבלות, אבער מ'דארף ניט ווען ווארטן ביז ער וועט ברעכן ווארום אז ער ברעכט טויג ניט (תורת שלום) נאר עס איז פאראן א עצה פון שמחה פורץ גדר, במילא זאל מען זינגען דעם ניגון פריילעכער און טראכטן אראפ נעמען אלע העלמות והגבלות, און צובינדן זיך צום רבי'ן, וועט ניט זיין קיינע מניעות מצד הכלים.

התחיל בעצמו לנגן ניע זוריצע חלפאצי, וכל הקהל התחילו לרקוד כ"א על מקומו, וגם כ"ק אדמו"ר שליט"א עמד על רגליו ורקד על מקומו.

*   *   *

כח. איך בין מפסיק ביז א צווייטע פארברענגען וויל איך נאך מבאר זיין א ענין.

אויף דעם יו"ט י"ט כסלו וואס דאס איז דער אלטן רבי'נס גאולה גאולתינו ופדות נפשינו, ווייל יעמאלט האט זיך אויף געטאן דער יפוצו מעינותיך חוצה, שרייבט דער אלטער רבי הגדיל והפליא הוי' לעשות בארץ. (ווייטער איז פאראן נוסחאות ווי איז דער לשון אבער דער לשון ביז אהער איז מדויק).

אין הנהגה ווי דער אויבערשטער פירט די וועלט, איז פאראן צוויי אופנים: א) הנהגה עפ"י טבע, וואס אין דער הנהגה זעט זיך ניט אן דער חיות אלקי, און די הנהגה נעמט זיך פון שם אלקים. ב) השגחה פרטית בגלוי, אז ס'איז קענטיק אין די הנהגת הטבע דער חיות אלקי והשגח"פ בגלוי וואס די הנהגה נעמט זיך פון שם הוי'. און דאס איז דער חילוק פון פרעה'ן מיט משה'ן וואס פרעה האט געזאגט לא ידעתי את הוי', און משה האט געזאגט הוי' אלקי העברים שלחני.

- עט -

<u>הנחה בלתי מוגה</u>

עס שטייט הוי׳ רועי - דערפאר - לא אחסר, און גם כי
אלך בגיא צלמות, לא אירא רע - ווייל - כי אתה עמדי, ביי אידן
איז הוי׳ רועי, זייער חיות איז פון שם הוי׳, און זיינען ניט
משועבד צו טבע, דערפאר איז אפילו גלו לאדום - ווייל ער איז
עושה מעשה אדום, און ניט נאר ער, נאר השוכן אתם בתוך טומאותם,
וואס דאס איז דער פשט - שכינה עמהם, וואס דאס איז א עלבון
גדול וכמשל האוחז בראשו של מלך וכו׳ (תניא ספכ"ה) פונדעסטוועגן
איז אויך דארטן זיינען זיי אונטער דער הנהגה פון שם הוי׳, און
טבע איז אויף זיי קיין בעל הבית ניט, ווי דער רבי זאגט אין
דער שיחה בשם דעם אלטן רבי׳ן, שמע ישראל ה׳ אלקינו, אז די הנהגה
וואס מ׳פירט זיך מיט אידן איז פון שם הוי׳.

דערפאר שטייט כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו
עול מלכות ועול דרך ארץ, עס איז א הלכה פסוקה אז כל המקבל
עליו מלכות שמים, האט ער ניט צוטאן מיט קיין עול בו"ד, האט
מען אים נאך ניט אפגעגעבן וועט מען אים ניט אפגעבן, האט מען
אים שוין אפגעגעבן וועט מען אים אפלאזן, און אויב אפילו ניט,
איז אפילו זייענדיק דארטן, איז ער א פרייער איד, און האט ניט
אויף זיך קיין שעבוד, נאר ער איז דעם אויבערשטנס א שליח,
וואס ער דארף דארטן אויספירן א שליחות, אז א איד זאל לייגן
תפילין וכדומה.

- בעת מ׳האט ארעסטירט דעם אלטן רבי׳ן האט מען געפונען
א צעטל, וואס ער האט געשריבן, שרים רדפוני חנם ומדברך פחד לבי,
ווארום א איד איז ניט משועבד צו הנהגת הטבע, דערפאר איז שרים
רדפוני חנם, דערפון ווערט ער ניט נתפעל, אבער ומדברך פחד לבי. -

כט. אין הנהגה פון שם הוי׳ גופא איז אויך פאראן צוויי
אופנים, דערפאר לייגט צו דער אלטער רבי דעם ווארט הגדיל..
הוי׳, אז ס׳איז געווען אין א אופן פון גדלות, דבר קטן הוויות
דאביי ורבא, דבר גדול מעשה מרכבה, וואס דער ענין פון מעשה מרכבה
איז העכער פון טבע, ווי דער רמב"ם זאגט אין הל׳ יסודי התורה אז
מעשה בראשית איז...און מעשה מרכבה איז העכער פון עולם, ד.ה.
אז אין דער הנהגה פון שם הוי׳ גופא קען טאקע זיין הנהגת הטבע
נאר עס הערט זיך אן השגחה פרטית, וואס דאס איז א אופן פון קטנות,
און קען זיין הנהגה ניסית, וואס דאס איז א אופן פון גדלות, און
דערפאר לייגט דער אלטער רבי צו דעם ווארט <u>הגדיל</u> הוי׳.

ל. דערמיט באגנוגנט זיך ניט דער אלטער רבי און לייגט צו
דעם ווארט <u>הפליא</u>, הפליא והגדיל הוי׳. ווייל הגדיל איז דער טייטש
אז ס׳איז גרויס, אבער גרויס פון קלענער, ד.ה. אז עס האט א שייכות
צו דער הנהגה פון קטנות, נאר ס׳איז העכער דערפון, משא"כ הפליא
איז פון דעם ווארט פלא, כי יפלא ממך דבר, אפגעשייט, ד.ה. אז
עס האט קיין שייכות ניט צו דער הנהגה וואס בבחי׳ קטנות.

אין ניסים איז פאראן דריי אופנים: פאראן ניסים וואס
זיינען אנגעטאן אין טבע, און ס׳איז גארניט קענטיק אז ס׳איז א
נס, ע"ד ווי דער נס פון פורים, וואס הגם דאס איז טאקע א הנהגה
פון שם הוי׳, למעלה מהטבע, ווארום עס דעט זיך אין דעם השגח"פ,
אבער דאס איז אין א אופן פון קטנות, העכער דערפון איז, ניסים

<u>הנחה בלתי מוגה</u>

גלוים וואס עס זעט זיך אן בגלוי אז ס'איז א נס, פונדעסטוועגן האט דאס נאך אלץ א שייכות צו דער הנהגה פון קטנות ד.ה. פון טבע נאר עס איז העכער דערפון, משא"כ הפליא הייסט אז דאס איז העכער פון טבע אינגאנצן.

עס איז פאראן ניסים גלוים וואס האבן עכ"פ א אחיזה אין טבע, אזוי ווי דאס וואס יהושע האט איינגענומען מיט בלאזן שופר אדער הקפת החומה וכדומה, וואס דאס איז ניסים גלוים וואס זיינען ניט אנגעטאן אין לבושי הטבע, דאך האבן זיי א אחיזה אין טבע עכ"פ, ווארום ער האט דאך פארט געהאלטן מלחמה, נאר די מלחמה איז געווען מיט שופר און מיט הקפת חומה.

- ע"ד זה איז פאראן א מעשה אז צום אלטן רבי'ן איז געקומען אמאל א חולה וואס אלע דאקטוירים האבן אים אפגעזאגט, האט דער אלטער רבי געהייסן אז ער זאל עסן א האלבע שמורה מיט וואסער און ער איז געזונט געווארן, לכאו' ממה נפשך, האט דער אלטער רבי ניט געוואלט אנקומען צו ענינים שלמעלה מהטבע, איז צי דען עסן א שמורה מיט וואסער א רפואה צו א חולה וואס אלע דאקטורים האבן אים אפגעזאגט? נאר דאס איז אויך אזא ענין וואס האט געדארפט האבן א אחיזה עכ"פ אין טבע, דערפאר האט ער אים געגעבן א רפואה, נאר די רפואה גופא איז געווען ניט קיין ענין טבעי, ע"ד ווי מלחמת יהושע, וואס איז געווען א מלחמה ווי אזוי עס מאנט זיך עפ"י טבע אז א נצחון איז דורך מלחמה דוקא, נאר די מלחמה גופא איז ניט געווען קיין טבע'דיקע.

דער ענין פון הפליא אבער הייסט אז עס האט גאר אפילו ניט קיין אחיזה אין טבע, אזוי ווי חזקי' האט געזאגט אני ישן על מטתי, און ער וועט מנצח זיין, עד"ז איז פאראן אין א מאמר פון כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע אז דער ענין פון בטחון הייסט אז ער זאגט ניט אפילו קיין קאפיטל תהלים, ווייל ער פארלאזט זיך און איז זיכער אז דער אויבערשטער וועט העלפן, און דערפאר לייגט צו דער אלטער רבי דעם ווארט הפליא ווארום אויף דעם גילוי אור החסידות וואס דאס איז י"ט כסלו איז ווייניק דער ענין פון הוי', אויך דער ענין פון הגדיל וואס עס האט עפעס א שייכות צו טבע, נאר דער ענין פון הפליא, וואס דאס איז העכער פון טבע לגמרי, און דאס איז דער דיוק הלשון הגדיל והפליא הוי'.

לא. נאך די ווערטער פון הגדיל והפליא הוי', שרייבט דער אלטער רבי, לעשות בארץ. ניט קוקנדיק אויף די הויכקייט פון חסידות אז דאס איז הוי' למעלה מהטבע, הגדיל, אז דער למע' מהטבע זעט זיך אן בגלוי און ניט פארבאהאלטן, אין לבושי הטבע, און הפליא אז דאס איז א אור וואס למעלה מהטבע לגמרי, דארף מען אבער אראפ טראגן דעם אור החסידות למטה מי' טפחים, און אויך אין ארץ, זאל זיין קענטיק אז ער איז א חסיד.

אחר ככלות, נאך די התבוננות בהשכלה ועמקי העבודה, איז דער תכלית אבער אז אין זיינע ענינים גשמיים וחומריים, עסן שלאפן און ווען ער גייט אין גאס זאל זיין קענטיק אז ער איז דעם רבי'נס א מקושר, דעם רבי'נס א חסיד, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט עקב אשר שמע אברהם בקולי, אויף אברהם אבינו'ס פיאטע איז געווען קענטיק אז דאס איז אברהם'ס א פיאטע, און דאס איז דער ענין פון יפוצו מעינותיך חוצה, אז די מעינות פון תורת החסי.

דארף אויך זיין קענטיק אין די ענינים חיצוניים, ענינים גשמיים.

און אז עס וועט`זיין דער לעשות בארץ, אז מ׳וועט אראפ ברענגען דעם הגדיל והפליא הוי׳ דעם אור החסידות אויך אין ארציות, וועט זיין דער הגדיל והפליא הוי׳, אז עס וועט זיין א ברכה והצלחה אין גשמיות ורחניות, ווי ובאיזה אופן איז דעם רבי׳נס דאגות, מיר דארפן זיין נאר כלים דורך לימוד תורתו והליכה באורחותיו נצח סלה ועד, ואין הרב תלוי אלא בנו, וואס יעמאלט איז...

איז אז מ׳וועט זיך פארלאזן אויף דעם רבי׳ן וועט ער שוין פארזארגן, אין וואס פאר א אופנים מ׳וועט נאר ניט דארפן, וועט מען דארפן א ענין פון הוי׳, השגחה פרטית, וועט זיין דער אופן, וועט מען דארפן א ענין פון הגדיל, ניסים בגלוי וועט זיין דער ענין פון הגדיל, מען וועט דארפן א ענין פון הפליא ענינים וואס האבן לגמרי ניט קיין שייכות מיט טבע וועט זיין אויך דער ענין, דער עיקר איז אז מ׳זאל זיך איינגאצן אוועק געבן.

הנחה בלתי מוגה

הנחה בלתי מוגה